

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון **יהדות**, **השקפה**, **עצות**, **און נאך**, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**
ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פרשת קרח
תשע"ח לפ"ק
גליון כ"ב

## שאלה

### קען א כולל אינגערמאן וועלכער גייט ארויס ארבעטן, פארבלייבן א ישיבה-מאן?

## ענטפער:

אין א געוויסע מאס קען ער. אבער עס וועט זיך פארלאנגען אסאך קאאפעראציע צווישן אים און זיין ווייב, ווי אויך א געוויסע מאס פון הערנאישקייט און איבערגעגעבנקייט פון זיין זייט. איך וועל דיר געבן א ביישפיל. יעצט הערט דיך גוט צו ווייל עס מיינט דיר. און עס מיינט מיר אויך.

מיר האבן מענטשן וואס קומען דא פרייטאג צונאכטס. זיי קומען אהער בערך זיבענע, זיבן-דרייסיג, און זיי זיצן דא און לערנען ביז כמעט 11:30 ביינאכט. זיי זענען ארבעטס-אידן, פראפעסיאנאלן. זיי זיצן דא אין שול פאר 4 שעה פרייטאג צונאכטס. געוויסע אביסל וויניגער. דאס איז די פראגראם פאר אנטשלאסענע מענער מיט אנטשלאסענע ווייבער. די פרויען דארפן דאס אויך געוויס פארשטיין, כדי עס זאל קענען ארבעטן. זיי ווילן עס און זיי ערמוטיגן זייערע מענער. אום מוצאי שבת האבן מיר די זעלבע זאך נאכאמאל. מענטשן קומען אהער ביז שפעט, ביז נאך 11:00 און לערנען אין גרופעס אדער אליינס. דאס איז א געוואלדיגע ערשיינונג. אמאליגע צייטן איז דאס געווען די אידישע וועג פון לעבן.

אויך שבת נאכמיטאג קומען מענטשן דא לערנען, און אין די לענגערע טעג לערנען זיי דורך די לאנגע שבת-נאכמיטאגס. אסאך מענטשן לערנען אויך אגאנצן טאג זונטאג. מיר האבן דא בערך 4 שיעורים יעדן זונטאג און עס זענען דא מענטשן וואס באטייליגן זיך ביי אלע פון זיי, און דאן זיצן זיי ביז שפעט און זיי לערנען תורה. יעצט, דאס איז א דוגמא וויאזוי א מענטש קען פארזעצן צו זיין א ישיבה-מאן אפילו נאכדעם וואס ער לאזט איבער די ישיבה. יעצט, אזא מענטש, ער קען זיך נישט ערלויבן די לוקסוס פון אפ'בטל'ען די אלע זייטיגע שעה'ן. א ישיבה-מאן דארף אויפשטיין פרי שבת אינדערפרי צו לערנען. א ישיבה-מאן דארף אויסנוצן דעם שבת צום לערנען. מוצאי שבת קען ער נישט ארויסגיין צו מלוה מלכה'ס מיט די משפחה. ער קען נישט גיין אויף באזוכן, ער קען נישט גיין צו חתונות. א ישיבה-מאן וועלכער לאזט איבער דעם כולל און ער הייבט אן א לעבן פון פראדאקטוויטעט אין גשמיות, מוז זיך אויך איבערגעבן צו תורה-לערנען.

דאס איז וואס די אידישע פאלק פלעגט אמאל טון, און עס איז אן אידעאל וואס אסאך מענטשן הייבן אן צו זעהן. און דערפאר, אויב די פרוי קאאפערירט און זי פארלאנגט נישט פון איר מאן צו בלייבן אינדערהיים. זי פארשטייט אז עס איז איר שותפות. די פאקט אז ער מאכט פארשריט, אז ער שטייגט אין לערנען – דאס איז איר זכות, זי איז א הונדערט פראצענטיגער שותף. און מיט אזא געוואלדיגע שותף אין לעבן קען ער שטייגן העכער, ווילאנג ער איז נישט פויל און ער איז גרייט צו טראגן דעם עול פון א קאריערע אין לערנען.

איך האב עס שוין אמאל דערמאנט – עס איז געווען ביי א מלוה מלכה אין די אלטע בנין און איך האב איבערגעזאגט דעם רמב"ם: "הרוצה לזכות בכתרה של תורה" – דער וואס וויל זוכה זיין צו די קרוין פון תורה, "אל יאבד אחד מלילותיו" – זאל ער נישט פארלירן איין נאכט פון זיינע נעכט. דו דארפסט ארבעטן בייטאג, וואס קענסטו דען טון; אבער ער זאל נישט פארפאטשקען אפילו איינע פון זיינע נעכט. דאס איז וואס דער רמב"ם זאגט. און א מענטש איז געזיצן דארט און עס געהערט. און איך האב באמערקט אז עס איז אים אריין אין די אויערן און ער האט געטוישט זיין וועג פון לעבן. ער איז צום סוף געשטיגן גאר הויעך. ער איז געווען אן ארבעטס-מאן און ער איז געווארן גרויס אין תורה. איינמאל האט זיין ווייב געדארפט גיין צו א חתונה אין "ריבערדייס פלאזא" אין אפ-טאון, אבער יענע נאכט איז געווען א שיעור. האט ער גענומען

פאר הערות שיקט אן אימעיל צו RebAvigdorAnswers@gmail.com

זיין וויב מיט די קאר צום זאל, און איר דארט איבערגעלאזט און צוריקגעקומען אנטיילנעמען אינעם שיעור. דאן איז ער צוריקגעפארן דעם גאנצן וועג צום זאל איר אהיימצוברענגען. דאס איז אנטשלאסנקייט!

און אזוי, אויב דו פארפאטשקעסט נישט קיין איינע פון דיינע נעכט, וועסטו קענען פארבלייבן א ישיבה-מאן אויף אייביג. פארגעס וועגן גיין אויף חתונות. פארגעסט וועגן משפחה-פארטיס. יעצט ביזטו חתונה געהאט צו די תורה. יעצט וועלן זיכער זיין פרויען וואס וועלן זאגן, וואספארא סארט לעבן איז דאס? וואספארא סארט לעבן איז כולל-לעבן? איך וועל דיר זאגן – עס איז א לעבן פון איבערגעגעבנקייט. אויב ווילסטו זיין א גארנישט, קענסטו טון וואס יעדער טוט און דו וועסט מצליח זיין צו ווערן וואס דו ווילסט זיין – גארנישט!

## שאלה

# קען דער רב ערקלערן וויאזוי מיר קענען זיך פאקטיש אויסלערנען ליב צו האבן אלע אידן?

## ענטפער:

ערשטנס וויל איך דיר זאגן אז עס פעלט נישט אויס ליב צו האבן 'אלע' אידן. נאר בלויז די שומרי תורה ומצות. אויף די נישט-שומרי מצות איז נישטא קיין חיוב. "ואהבת לריעך כמוך" – ערקלערט די גמרא אז עס איז א מצוה פאר "ריעך במצות" – א איד וואס איז דיין פריינד אין מצות. אבער אויב איז ער א איד בלויז אין א טעכנישן זין, ווייל זיין מאמע איז אידיש, אבער ער היט נישט די תורה, איז נישט דא קיין מצוה. אבער אויב ס'איז א היימישער איד, א ריעך, דאן האסטו א חיוב דאורייתא צו לערנען אים ליב צו האבן.

יעצט, וויאזוי טוסטו עס? איך וועל דיר זאגן אן עצה, א גוט שטיקל עצה וואס איך האב געהערט פון אן אדם גדול. בלויז צו זאגן "איך האב ליב יעדן", איז גארנישט. דאס איז וואס די ליבעראלן זאגן. זיי האבן ליב יעדן. אבער עכט האבן זיי קיינעם נישט ליב. אלעס איז גארנישט. דו קענסט נישט בלויז זאגן פלוצלונג "איך האב ליב יעדן." עס מיינט גארנישט. ממש גארנישט.

דו מוזט אויסוועלן איין איד. זאג אים נישט, אבער קלויב אויס איין מענטש און זאג, "איך גיי ליב האבן דעם איד." זאג עס. און טראכט עס כסדר. טראכט וועגן אים פאזיטיוו וויפיל דו קענסט. טראכט וועגן זיינע גוטע אייגנשאפטן און קריך עס אריין אין דיין מח. ער האט אלץ א ווארימע שמייכל; ער איז א גוטער מענטש; ער דאווענט ערליך; ער בארגט דיר זיינע כלים. סיי ווער ס'איז, קענסטו טרעפן גוטע זאכן וועגן אים. און צוביסלעך וועסטו אים אנהייבן ליב צו האבן. ער זאל נישט וויסן וועגן דעם, אבער דו זאלסט אים שטארק ליב האבן. זאג אים נישט קיין ווארט. און נאך א ווייליע וועסטו זעהן אז דו האסט אים באמת ליב.

דאן קלויב אן אנדערן מענטש. און טוה די זעלבע זאך. און צוביסלעך וועסטו האבן שוין עטליכע מענטשן וועם דו האסט באמת ליב. און דאס וועט זיין דיין דוגמא דיר צו העלפן צו גיין ווייטער און ווייטער. אבער דו מוזט עס טון. דו מוזט אנהייבן. מענטשן האבן דאס נאך קיינמאל נישט פרובירט אפילו.

איר מוזט וויסן אז ליב צו האבן דעם עם ישראל איז דעם אויבערשטנ'ס באליבסטע נושא. משה רבינו איז געווארן גרויס בלויז ווייל ער איז געווען אן אוהב ישראל. "ויצא אל אחיו וירא בסבלותם." ער איז ארויסגעגאנגען צו זעהן די ליידן פון זיינע אידישע ברודער. "אה" - האט הקב"ה געזאגט - "דאס איז דער מענטש וואס איך זוך." משה רבינו איז געווארן גרויס בלויז וועגן דעם. "אין הקדוש ברוך הוא אוהב אלא למי שאוהב את ישראל" – הקב"ה האט ליב בלויז דער וואס האט ליב זיין פאלק (מסילת ישרים, פרק י"ט). וויבאלד זיי זענען די וועם ער האט ליב. איז ווען דו האסט ליב אידן, דאן האט דיר השי"ת ליב. "וכל מה שאדם מגדיל אהבתו לישראל, הקדוש ברוך הוא מגדיל עליו." ווי מער דו האסט ליב פרומע אידן, האט דיר השי"ת מער ליב. לערן דעם אידעאל און מאך עס פאר דיין פראיעקט. הייב אן מיט איין מענטש, און צוביסלעך וועסטו זיין איבערראשט. דו וועסט זעהן גוטע רעזולטאטן. אויב דו פרובירסט קיינמאל נישט, וועסטו קיינמאל זיך נישט רוקן. וועסט זיך קיינמאל נישט רירן. אגאנץ לעבן וועסטו בלייבן אויף איין פלאץ און קיינמאל נישט טון די מצוה.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו torasavigdor@gmail.com, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com